בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ל"ד

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת חיי שרה
שנת תשפ"ד


## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת דְבָרִים שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף עֶנְדִיגְן מִיר צוּ דֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְן פַאר מְחַנְּכִים זוּנְטָאג פַּרְשַׁת דְבָרִים, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### דָאס קִינְד וִויל נִישְׁט זַיין אִין צַייט?!

דִי מְנַהֶלֶת שְׁרַייבְּט מִיר אַז אַ תַּלְמִידָה אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִיר אִין קֶעמְפּ אוּן גֶעזָאגְט מִיט וֵוייטָאג: **"אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ בִּין אַ פַארְשְׁלֶעפְּטֶע, אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין צַייטְלִיךְ, אוּן יֶעצְט אִין קֶעמְפּ וֶוען מֶען דַארְף זַיין נָאכְאַמָאל אִין צַייט אוּן נָאכְאַמָאל אִין צַייט, וֶוער אִיךְ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן זֶעעֶנְדִיג אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אִין צַייט, אוּן אִיךְ וֶוער יֶעדֶעס מָאל נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְצֵייגְט אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע מֶענְטְשׁ צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן..."**

לָאמִיר אַרַיין גֵיין אִינֶעם קָאפּ פוּן דָאס קִינְד, אוּן לָאמִיר אַרַיין גֵיין אִינֶעם קָאפּ פוּן דִי קַאוּנְסְלֶער (דִי לֶערֶערִין וָואס פַארְבְּרֶענְגְט מִיט דִי קִינְדֶער); דִי קַאוּנְסְלֶער טְרַאכְט: 'מֶען הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אַ סִיסְטֶעם (אַזוֹי פִירְט זִיךְ אַ מוֹסָד, אַלֶעס גֵייט סִיסְטֶעמַאטִישׁ) אַז אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן זַיין אִין צַייט, אוּן דִי תַּלְמִידָה וָואס אִיז נִישְׁט גְרֵייט אִין צַייט דַארְף בַּאקוּמֶען אַ קְנַס', וִוידֶער אַז מֶען גֵייט אַרַיין אִינֶעם קָאפּ פוּן דָאס קִינְד, אִיז דִי גַאנְצֶע בִּילְד אַנְדֶערְשׁ, מִיט דֶעם וָואס דוּ גֶעבְּסְט אִיר אַ קְנַס, לֶערְנְט זִי זִיךְ נִישְׁט אוֹיס צוּ זַיין אִין צַייט, פַארְקֶערְט, דָאס וַוייזְט אִיר נָאכְאַמָאל אַז זִי קֶען טַאקֶע נִישְׁט זַיין אִין צַייט! זִי וֶוערְט נָאר מֶער צֶעבְּרָאכְן, צִי דֶען וִויל זִי נִישְׁט זַיין אִין צַייט?! - זִי וִויל זַיין אִין צַייט, זִי קֶען פָּשׁוּט נִישְׁט! זִי הָאט נִישְׁט קַיין אַהֲנוּנְג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז אִין צַייט.

### אִיךְ פְלֶעג אוֹיךְ פַארְשְׁפֶּעטִיגְן טְרִיפְּ'ס!

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ נָאנְטֶער חָבֶר, אַ יָתוֹם, וָואס אִין אָנְהֵייבּ וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פְלֶעג אִיךְ גֵיין צוּזַאמֶען מִיט אִים יֶעדְן פַארְטָאגְס הִתְבּוֹדְדוּת, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: **"יוֹאֵלִ'ישׁ אִיךְ בֶּעט דִיךְ בְּרַחֲמִים, זָאלְסְט נִישְׁט הַרְגְ'עֶנֶען דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אַלְץ פִינְף מִינוּט שְׁפֶּעט. דִי מְלַמְּדִים שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער: 'וֶוען עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אַ טְרִיפּ (אוֹיסְפְלוּג) וָואלְסְטוּ אוֹיךְ גֶעוֶוען שְׁפֶּעט?!' - זָאלְסְט וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, אַלְס קִינְד בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ שְׁפֶּעט קוּמֶער, אוּן אִיךְ פְלֶעג אוֹיךְ פַארְשְׁפֶּעטִיגְן טְרִיפְּס! אִיךְ הָאבּ אַלֶעס פַארְשְׁפֶּעטִיגְט".**

אִיךְ וִויל מִיט דֶעם אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, אַז אַ מוֹסָד אוּן אַ קֶעמְפּ מוּז טַאקֶע מַאכְן אַ סִיסְטֶעם אוּן צַייטְן צוּ אַלֶעס, אָבֶּער דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַאשִׁינֶען, קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין בַּאקְסֶעס, **"דוּ בִּיסְט שְׁפֶּעט - דָא הָאסְטוּ אַ קְנַס!"**... מֶען מוּז הָאבְּן הַארְץ, מֶען מוּז אַלֵיינְס טְרַאכְטְן: 'אֶפְשָׁר קֶען נִישְׁט דָאס קִינְד זַיין צַייטְלִיךְ'.

וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען דֶער קִינְד וָואס קוּמְט שְׁפֶּעט, וָואלְט מֶען מִיךְ גֶעדַארְפְט קְנַסְ'עֶנֶען, וַוייל אִיךְ קֶען זַיין צַייטְלִיךְ, אִיךְ בִּין גֶעוֶוענְלִיךְ צַייטְלִיךְ, אוּן אוֹיבּ אִיךְ קוּם נִישְׁט צַייטְלִיךְ אִיז דָאס דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ מִיר, מֶען קֶען מִיר זָאגְן: **"אוֹיבּ דוּ גֵייסְט זַיין צַייטְלִיךְ קֶענְסְטוּ מִיטְקוּמֶען צוּם טְרִיפּ, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט"**, דָאס וֶועט מִיךְ דֶערְמַאנֶען צוּ זַיין צַייטְלִיךְ, אָבֶּער עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס 'קֶענֶען נִישְׁט' זַיין צַייטְלִיךְ, [אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי דָאס גֶעשֶׁעט, אוּן מֶען זוּכְט נִישְׁט דָא קֵיינֶעם צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן], בַּיי דִי סָארְט קִינְדֶער דַארְף מֶען זִיךְ פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן, אוּן פְּרוּבִּירְן אַז דִי מוֹסָד, דִי קֶעמְפּ, זָאל יָא אַרְבֶּעטְן מִיט זֵיי.

### מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן אַ בֶּעט אַזוֹי וִוי אִין סְדוֹם!

אִין סְדוֹם הָאט מֶען זִיךְ גֶעפִירְט, אוֹיבּ אִיז גֶעקוּמֶען אַ גַאסְט אִין סְדוֹם הָאט מֶען אִים מִיט גֶעוַואלְד אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוֹיף אַ בֶּעט, אוֹיבּ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ הוֹיכֶער מֶענְטְשׁ הָאט מֶען אִים אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף אַ קְלֵיינֶעם בֶּעט, אוּן דִי פִּיס וָואס הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיס גֶעשְׁטֶעקְט הָאבְּן דִי רְשָׁעִים אָפְּגֶעהַאקְט, אוֹיבּ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ נִידְרִיגֶער הָאבְּן אִים דִי סְדוֹמִיִּים גֶעלֵייגְט אִין אַ לַאנְגֶע בֶּעט, מֶען הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט בַּיי דִי הֶענְט אוּן פִּיס אוּן מֶען הָאט אִים אוֹיסְגֶעצוֹיגְן בִּיז עֶר אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן יְסוּרִים (סַנְהֶדְרִין קט:).

מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן אַ בֶּעט אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין סְדוֹם! אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין דַארְף וִויסְן, מֶען שְׁטֶעלְט טַאקֶע אוֹיס אַ 'סֵדֶר הַיּוֹם', יֶעצְט דַאוֶוענְט מֶען אוּן יֶעצְט לֶערְנְט מֶען, אָבֶּער מֶען דַארְף הָאבְּן אַ אִידִישׁ הַארְץ, מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אַן אוֹיסְנַאם, זֵיי פַּאסְן נִישְׁט אַרַיין אִין דֶעם פָארֶעם, מִיט דֶעם קִינְד דַארְף מֶען אוּמְגֵיין אַנְדֶערְשׁ, דֶער קִינְד וָואס קוּמְט אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעט מַאכְט מֶען זִיךְ וִוי מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעזֶען.

## אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ זַיין דֶער שְׁטְרֶענְגֶער

מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן אַ קִינְד וָואס ווִיל שְׁטֶערְן. אַ קִינְד וָואס שְׁטֶערְט אַ כִּתָּה דַארְף מֶען גֶעוואוּיר וֶוערְן וָואס שְׁטֶערְט אִים וָואס צוּלִיבּ דֶעם פִירְט עֶר זִיךְ אַזוֹי אוֹיף אִין חֵדֶר, מֶען דַארְף אוֹיךְ זַיין שְׁטְרֶענְג, אוּן אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ זַיין דֶער שְׁטְרֶענְגֶער.

פָארִיגֶע וָואךְ הָאט מֶען מִיר גֶערוּפְן, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער אַבִּיסְל שְׁטְרֶענְג, אִיךְ הָאף אַז עֶס אִיז גֶעוָוארְן בֶּעסֶער, אוּן אִיךְ בִּין גְרֵייט מֶען זָאל מִיר נָאכְאַמָאל רוּפְן צוּ זַיין דֶער שְׁטְרֶענְגֶער. אִיךְ בִּין נִישְׁט דָא 'רֹאשׁ יְשִׁיבָה' אַז מֶען זָאל מִיךְ לִיבּ הָאבְּן, מִיר אִיז גוּט אֲפִילוּ קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט הָאבְּן מִיט מִיר, אַלֶע טְרַאכְטְן 'דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז אַ שְׁטְרֶענְגֶער', אִיךְ זוּךְ נִישְׁט מֶען זָאל מִיר גֶעבְּן אַטֶענְשָׁאן (אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט), אַסַאךְ מָאל זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן מוֹרָא צוּ זָאגְן פַאר אַ קִינְד **"גֵיי אַרֵיין אִין בֶּעט"**, אֶפְשָׁר וֶועט מִיךְ דָאס קִינְד נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן, אֶפְשָׁר גֵיי אִיךְ נִישְׁט זַיין אַ גוּטֶע מַאמֶע, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין אַטֶענְשָׁאן פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶענוּג אַטֶענְשָׁאן פוּן מִיךְ אַלֵיין, אוּן אִיךְ טוּ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער וָואס אִיז רִיכְטִיג. אִיךְ וֶוער נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אוֹיבּ מַיינֶע קִינְדֶער זָאגְן מִיר: **"וַואוּ, טַאטִי בִּיסְט אַ גוּטֶער טַאטֶע!"** - אִיךְ גֶעבּ זֵיי דִי אַטֶענְשָׁאן, אִיךְ זָאג זֵיי: **"בִּיסְט אַ גוּט קִינְד!"**

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף זַיין מִיט מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן ווִיסְן אַז מֶען טוּט רִיכְטִיג, מֶען קֶען נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף אַטֶענְשָׁאן, דָאס קִינְד זָאל זָאגְן אַז אִיךְ בִּין אַ גוּטֶער, מֶען דַארְף זוּכְן צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער, אֶפְשָׁר הָאבְּן נִישְׁט דִי קִינְדֶער עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן זֵיי גוּטֶע וֶוערְטֶער.

עַל כָּל פָּנִים, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ קוּמֶען הֶעלְפְן וֶוען מֶען דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג, אָבֶּער פוּן אַייךְ בֶּעט אִיךְ עֶס זָאל זַיין הַארְץ, הַארְץ, הַארְץ, הַארְץ.

## פַארְוָואס פָאלְגְן נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער?

אֶפְשָׁר אִיז דָאס קִינְד נִישְׁט שׁוּלְדִיג אוֹיף זַיין אוֹיפְפִירוּנְג, אֶפְשָׁר הָאט עֶר נִישְׁט קַיין טַאטֶע מַאמֶע, אֶפְשָׁר שְׁטֶעלְן זֵיי זִיךְ אַוֶועק ווִי זֵיי טוּעֶן חֶסֶד פַאר אַנְדֶערֶע אָבֶּער מִיט דִי קִינְדֶער טוּעֶן זֵיי גָארְנִישְׁט, אֶפְשָׁר הָאט דָאס קִינְד נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין 'נֵיין' אִינְדֶערְהֵיים, עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אַזַא זַאךְ אַז אַ מֶען רֶעדְט נִישְׁט וֶוען אַ מַאמֶע רֶעדְט, אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ ווִי 'דֶרֶךְ אֶרֶץ'.

אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אַז עֶר הָאט גֶעהַאט גֶעסְט אוֹיף שַׁבָּת, אַ מִשְׁפָּחָה אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אִים, הָאט זִיךְ יֶענֶער אָנְגֶערוּפְן: **"ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דַיינֶע קִינְדֶער פָאלְגְן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט?!"** - דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער, עֶס הָאט מִיט דִי עֶלְטֶערְן.

עֶס אִיז דָא קִינְדֶער וָואס קוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, אוּן הָאבְּן נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אִינְדֶערְהֵיים דִי וֶוערְטֶער: **"מֶען מוּז פָאלְגְן!"** עֶר וואוֹינְט נֶעבֶּעךְ אִין אַ דְזְשׁוּנְגְל, אִין גַאס; דַארְף דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין מְחַנֵּךְ זַיין דֶעם קִינְד, זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן.

## עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט דִי דְרֵיי טוֹיזְנְט דָאלֶער!

אִיךְ הָאף אַז אִיר ווֵייסְט עֶנְקֶער זְכִיָּה אוּן זְכוּת אַז עֶטְץ טוּטְס מִיט נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל. עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, אַ גְלֶעט, אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ קִינְד.

וֶוען אִיךְ קוּם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ קוּמֶען אַלֶע קִינְדֶער אַרוּם מִיר, אַלֶע שְׁטְרֶעקְן זִיךְ אוֹיס דִי קֶעפּ אוּן וַוארְטְן אִיךְ זָאל זֵיי גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט... מֶען וֶוערְט נִישְׁט זַאט ווִילַאנְג אִיךְ שְׁמוּעֶס נִישְׁט מִיטְ'ן קִינְד, אַ קִינְד וַוארְט אֵיינֶער זָאל קוּקְן אוֹיף אִים, אֵיינֶער זָאל אִים פְרֶעגְן: **"אָהּ! וָואס מַאכְסְטוּ?" "וָואס הֶערְט זִיךְ?" "ווִי אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דַיין שַׁבָּת?" "הָאסְט לִיבּ חֵדֶר?"** - נָאכְדֶעם גֵייט עֶר גְלַייךְ צוּרִיק שְׁפִּילְן. בַּיי מֵיידְלֶעךְ אִיז עֶס נָאךְ גְרִינְגֶער, מֶען קֶען זֵיי זָאגְן: **"בִּיזְט אַזוֹי שֵׁיין אָנְגֶעטוּן", "בִּיזְט אַזוֹי אֵיידְל"**.

אַ טַאטֶע וָואס הָאט יֶעצְט אַרַיין גֶעשִׁיקְט אַ קִינְד אִין מֵיידְל קֶעמְפּ, אַן עֶלְטֶערֶע מֵיידְל פוּן זֶעכְצֶן זִיבֶּעצְן יָאר, זָאגְט מִיר: **"מַיין טָאכְטֶער רוּפְט מִיךְ אָן אַז מֶען הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַז 'זִי זֶעט אוֹיס זֵייעֶר אֵיידְל'"**, דֶער טַאטֶע זָאגְט מִיר: **"עֶס הָאט זִיךְ מִיר שׁוֹין גֶעלוֹינְט דִי דְרֵיי טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר קֶעמְפּ, מַיין טָאכְטֶער אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ פוּן דֶעם!"** - וָואס הָאט מֶען אִיר שׁוֹין גֶעזָאגְט? אַז זִי זֶעט אוֹיס זֵייעֶר גוּט, אֵיידְל אוּן וואוֹיל, אוּן דָאס טוֹישְׁט מַמָּשׁ אַ מֶענְטְשׁ.

מֶען דַארְף גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַ קִינְד; אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַז דִי מוֹסָד זָאל זִיךְ נִישְׁט פִירְן סִיסְטֶעמַאטִישׁ.

## עֶס אִיז נִישְׁט אַ מַאשִׁין וָואס לֶעשְׁט זִיךְ אוֹיס

עֶס אִיז דָא אַ נַארִישֶׁע זַאךְ צְוִוישְׁן מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ קִינְדֶער, וֶוען אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט דֶעם קִינְד רֶעדְט אִיךְ צוּ אִים, אָבֶּער וֶוען אִיךְ טְרֶעף אִים אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, בַּיי אַ שִׂמְחָה, אִין אַ גֶעשֶׁעפְט - קֶען אִיךְ אִים נִישְׁט, דָאס אִיז אַזוֹי עֶקְלְדִיג! אַז מֶען טְרֶעפְט אַ קִינְד אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה דַארְף מֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּ אִים, זָאג אִים: **"גוּט שַׁבָּת", "וָואס מַאכְסְטוּ?!"** עֶר אִיז דָאךְ דַיין קִינְד!

אַ מְלַמֵּד, אַ לֶערֶערִין, אִיז נִישְׁט אַ מַאשִׁין וָואס אַרְבֶּעט דִי הַאלְבֶּע שָׁעָה אוּן נָאכְדֶעם לֶעשְׁט זִיךְ עֶס אוֹיס.

לְהַבְדִּיל בַּיי דִי 'נִישְׁט אִידְן' גֵייט עֶס אַזוֹי; דִי וָואס אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי גוֹי'אִישֶׁע חֶבְרָה הַצָּלָה, הָאט זִיךְ יֶעדֶער אַרְבֶּעטֶער זַיינֶע שָׁעָה'ן וָואס אוֹיבּ קוּמְט אַרַיין אַ רוּף אִין דִי צַייט דַארְף עֶר קוּמֶען רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשְׁן'ס לֶעבְּן, קֶען מֶען זֶען אַז וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער זַיינֶע שָׁעָה'ן אִיז אַלֶעס גֶעעֶנְדִיגְט, זָאל אַרַיין קוּמֶען אַ רוּף אַז דָא אוֹיף דֶער גַאס הָאט אֵיינֶער גֶעכַאפְּט אַ הַארְץ אַטַאקֶע, וֶועלְן זֵיי בְּלַייבְּן זִיצְן אִין זֵייעֶר טְרָאק, וַוייטֶער שְׁפִּילְן מִיט זֵייעֶרֶע טֶעלֶעפָאוֹנְ'ס, וַוייל **"יֶעצְט אִיז שׁוֹין נָאךְ מַיין צַייט"**, אֵיי דוּ קֶענְסְט דָאךְ לוֹיפְן רַאטֶעוֶוען אַ לֶעבְּן?! - **"נֵיין! עֶס אִיז נִישְׁט יֶעצְט מַיין צַייט, אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ בֵּייגְן יֶענֶעם הֶעלְפְן!"**

דָאס אִיז בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, אָבֶּער בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז אַנְדֶערְשׁ, דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין זֶענֶען אַזוֹי ווִי אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער, וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט אַ קִינְד אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, גֶעבּ אִים אַ שְׁמֵייכְל, גֶעבּ אִים אַ גְלֶעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל אַרַיין לֵייגְן אַבִּיסְל הַארְץ אִין דִי קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי דֶער קֶעכֶער וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן אָפְּגֶעקָאכְט צְוֵויי אֵייעֶר פַאר דֶעם קִינְד וָואס הָאט אִים גֶעוָוארְפְן אַ לוֹיזֶע אֵיי אִין פָּנִים, [דֶער מַעֲשֶׂה הָאבְּן מִיר אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט פָארִיגֶע וָואךְ אִינֶעם גִּלְיוֹן], דֶער בָּחוּר'ל (הַיינְט הָאט עֶר שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, עֶר הָאט אַ שׁוֹין שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ)

המשך

# שיעורים אין חינוך

זונטאג פרשת דברים שנת תשפ"ג - קרית ברסלב – ליבערטי יע"א

• א מלמד מיט הארץ

**זאגט מיר: "דער קעכער האט געראטעוועט מיין לעבן! ווען איך האב געווארפן דעם איי אויפ'ן קעכער, האב איך נישט געמיינט קיין שלעכטס, איך בין פשוט געווען הונגעריג, און עס וואלט זיך מיר געקומען מען זאל מיר ארויס ווארפן פון חדר, נאכדעם וואלט איך שוין געווען גערעכט אפצושניידן מיינע פיאות ווייל מען האט מיך ארויס געווארפן פון חדר... אבער דער קעכער האט געטראכט פון מיר מיט הארץ, ער האט געטראכט 'אפשר איז דאס קינד הונגעריג, אפשר האט דאס קינד נישט קיין עסן אינדערהיים!'"**

## אויסלערנען די קינדער וואס הייסט א מאמע

איך וויל אייך מחזק זיין איר זאלט אנהאלטן מיט ענקער הייליגע ארבעט, איר זאלט אויסלערנען די קינדער גוטע מידות, און 'וואס הייסט א מאמע'.

דא אין קעמפ זענען דא אפאר משפחות וואס זענען געקומען אויף זומער אין אונזער קעמפ וואס א גאנץ יאר שיקן זיי די קינדער אין אנדערע מוסדות, זאגט מיר א אינגערמאן די וואך: **"איך האב אריין געשיקט מיין קליין טאכטער'ל אין בית פיגא, און זי איז ממש געווארן א נייע מענטש, אן אנדערע טאכטער, א גאנץ יאר איז זי נאר פארנומען מיט אירע פרענדס (חבר'טעס), די מאמע איז ביי איר גארנישט, אלעס איז פרענדס, די פרענד און די פרענד און די פרענד... זייט זי לערנט אין בית פיגא איז ביי איר געווארן א נייע דערהער, זי זאגט פאר די מאמע: 'מאמי בייג דיך נישט', 'מאמי איך וועל עס מאכן'.**

איך וויל אז איר זאלט דאס אריין לייגן אין די קינדער, זיי זאלן וויסן אז העלפן א מאמע איז זייער א גרויסע מצוה.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן אסאך הצלחה, אמן.

# בדיון פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

## אינוועסטיר נאר אינדערהיים, וועסטו האבן נחת פון דיינע קינדער

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת לך לך, ח' מר-חשון, שנת תשפ"ג לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

מן הסתם קומט מען צו דיר אויך מיט די חלומות אז מען קען יעצט אינוועסטירן און מאכן אסאך רווחים וכו' וכו'; אלעס איז איין גרויסער דמיון, הער נישט אויס, לאז זיך נישט פארנארן; אינוועסט אין דיין שטוב, אינוועסט אין דיינע קינדער, אינוועסט אין דיין נשמה.

גיי אהיים צייטליך, בלייב נישט אין גאס, גיי אהיים העלפן דיין ווייב. זיי מחנך דיינע קינדער צו מאכן ברכות, ליינען קריאת שמע, אנגרייטן נעגל וואסער. אז דו וועסט נישט אינוועסטירן - וועסטו נאך אביסל זיך זען מיט א גרויסער ביק אין שטוב, דו וועסט נישט וויסן וואס צו טון מיט אים, ער וועט דיך נישט אויסהערן, ער וועט דיר שפייען און לאכן אין פנים.

אזוי אויך דיינע טעכטער, אז דו וועסט נישט אינוועסטירן אין זיי יעצט ווען זיי זענען נאך קליין, דו וועסט זיי לאזן הפקר, דו וועסט ווייטער זיין אין דיין טעלעפאן מיט דיינע כלומר'ישע חברים - וועסטו זיך נאך אביסל זען מיט א גרויסע מיידל וואס וועט דיר איינטיילן וואס צו טון; זי וועט דיר דערביטערן דאס לעבן חס ושלום.

איך וויל דיר נישט אנשרעקן, איך וויל דיר אבער אויפוועקן פון שלאף, פון דיין טיפע חלום, פון אינוועסטירן און פון מאכן נאך געלט און נאך געלט און פארברענגען מיט חברים; גיי אהיים, זיץ אין שטוב, ביינאכט גייט מען נישט ארויס אין גאס. קודם זאלסטו העלפן מיט די קינדער און אביסל רעדן און שמועסן מיט זיי, נאכדעם, ווען זיי גייען שלאפן - זאלסטו אביסל רעדן מיט דיין ווייב, און אביסל אסאך לערנען דיינע שיעורים.

לאז זיך אפ פון די פאליטיק, עס וועט דיר גארנישט אויסמאכן ווער עס איז געווארן פרעמיער מיניסטער אין מדינת ישראל און ווער עס גייט ווערן גאווערנאר אין ניו יארק, אלעס וועט בלייבן די זעלבע. אלעס איז הבל הבלים; אלעס איז נאר אוועק צו שלעפן דעם מענטש ער זאל פארגעסן אז עס איז דא א באשעפער וואס ער פירט אלעס, מאכט אלעס און אין אים ווענדט זיך אלעס.

איך ווארט צו הערן די גוטע נייעס אז דו האסט געוואונען, דו ביסט געווארן אן ערליכער איד.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

(עצתו אמונה פרשת חיי שרה תשפ"ג, קונטרס 277)

## א לערערין דארף זיין זייער שטארק ביי זיך

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת לך לך, ח' מר-חשון, שנת תשפ"ג לפרט קטן

**איך האב ערהאלטן אייער בריוו.**

איר קענט זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון זיין א לערערין, לערנען מיט קינדער אמונה, צניעות, דאס שיינקייט פון לעבן די תורה לעבן; דאס איז די העכסטע זאך ביים אייבערשטן.

זייט נישט דערשראקן אז קינדער פאלגן נישט, אזוי קומען קינדער; קינדער פאלגן נישט, און די ארבעט ליגט אויף אונז זיי אויסלערנען יא צו פאלגן.

יעצט ביים אנהויב פונעם יאר זאלט איר זיך שטעלן אויף דרך ארץ, געבט אוועק אסאך צייט אויף דרך ארץ, אויסלערנען די קינדער אז ווען א לערערין רעדט - קען מען נישט רעדן, און אז די קינדער רעדן ווייטער - בלייבט שטיין און ווארטס מען זאל זיין שטיל, און אז מען רעדט ווייטער זאלט איר זאגן פאר דעם קינד: "מען קען נישט רעדן ווען א לערערין רעדט". אפילו עס וועט אוועקגיין אסאך צייט פאר דרך ארץ און עס וועט נישט בלייבן קיין צייט פאר'ן לימוד - איז אויך נישט געפערליך, ווייל דרך ארץ קדמה לתורה.

דאס וויכטיגסטע זאך פאר א לערערין איז, זי דארף האבן זעלבסטזיכערקייט; ביי זיך אין קאפ דארף זי וויסן און געדענקען: 'די קינדער דארפן מיך פאלגן און גייען מיך פאלגן, און אז מען פאלגט נישט די ערשטע מאל וועט מען מיך מוזן פאלגן ביים צווייטן

מָאל׳; מֶען דַארְף זַיין שְׁטַארְק אִינֶעוֶויינִיג אִין זִיךְ, צוּ וויסְן אַז ׳דִי קִינְדֶער דַארְפְן מִיךְ פָאלְגְן אוּן זֵיי וֶועלְן מִיךְ פָאלְגְן׳, אוֹיבּ דִי לֶערֶערִין אִיז אַלֵיינְס מְסוּפָּק, זִי טְרַאכְט ׳דִי קִינְדֶער גֵייעְן מִיךְ זִיכֶער נִישְׁט פָאלְגְן׳ - אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט פַאר אִיר אוּן פַאר דִי קִינְדֶער.

הַלְוַאי זָאלְט אִיר מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג אָדֶער לְכָל הַפָּחוֹת יֶעדֶע וָואךְ וָואס טוּט זִיךְ אִין סְקוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת חיי שרה תשפ״ג, קונטרס 277)

## אַז מֶען גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן, הָאט מֶען הַצְלָחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְּרַאגֶע.

עֶנְדֶערְשׁ גֵיי אָנְגֶעטוֹן אַזוֹי וִוי דַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵייעְן אוּן אַזוֹי ווִי זֵיי ווילְן; אַז מֶען הַאלְט זִיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערְן, מֶען גֵייט אִין זֵייעֶר וֶועג - הָאט מֶען הַצְלָחָה.

דִי יָארְן גֵייעְן אַרִיבֶּער אוּן בַּאלְד שְׁפִּילְט זִיךְ אִיבֶּער דִי שְׁפִּיל; דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן דִיר זָאגְן אַז זֵיי ווילְן טוּן אַזוֹי וִוי זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אוּן דוּ וֶועסְט וֶועלְן אַנְדֶערְשׁ; וֶועסְטוּ דֶעמָאלְט פַארְשְׁטֵיין דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט שִׂמְחָה; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ - וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת ויצא תשפ״ג, קונטרס 279)

## מֶען טָאר נִישְׁט וַוארְפְן קֵיין אִיבְּרִיגֶע שְׁרֶעק

## אוֹיף דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בְּתַלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאףְ אַז דוּ וַוארְפְסְט נִישְׁט קֵיין אֵימָה יְתֵירָה אוֹיף דַיינֶע תַּלְמִידִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן טַאקֶע (כתובות קג:) ״זְרוֹק מָרָה בַּתַּלְמִידִים״, מֶען זָאל זִיךְ פִירְן שְׁטְרֶענְג מִיט תַּלְמִידִים; דָאס מֵיינְט מֶען זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין חָבֵר פַאר׳ן תַּלְמִיד, דֶער תַּלְמִיד קֶען נָאר מְקַבֵּל זַיין אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט זַיין חָבֵר, אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט וַוארְפְן קֵיין אִיבְּרִיגֶע שְׁרֶעק אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם שְׁלָאגְן; נִישְׁטָא קֵיין שְׁלָאגְן. אַז מֶען דַארְף שְׁלָאגְן - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם מְנַהֵל, אִים מְכַבֵּד זַיין מִיט דִי מִצְוָה, דוּ רִיר נִישְׁט אָן קֵיין קִינְד.

מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט: ״אַ מְלַמֵּד וָואס שְׁלָאגְט - דַארְף גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיים צַאמְנֶעמֶען דִי מִיסְט קַאנֶעס אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן דִי כַּעַס אוֹיף דִי קַאנֶעס, נִישְׁט אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת, צֹאן קָדָשִׁים״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת ויצא תשפ״ג, קונטרס 279)

## עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר קִינְדֶער צוּ הֶערְן אִין שְׁטוּבּ אַנְדֶערְשׁ ווִי אִין מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַלֶע דַיינֶע טַעֲנוֹת אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף אוּנְזֶער חִינוּךְ.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואלְט גֶעוֶוען דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסָדוֹת, ווייל עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אוּן נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דַיינֶע קִינְדֶער צוּ הֶערְן אִין שְׁטוּבּ אַנְדֶערְשׁ ווִי זֵיי הֶערְן אִין חֶדֶר אוּן אִין סְקוּל.

בְּנוֹסָף לָזֶה גֶעבּ אִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט וָואס מֶען טוּט מִיטְן אַרוּם רוּפְן מִשְׁפָּחוֹת אוּן רֶעדְן אוֹיף מִיר. דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ אִיז, אוֹיבּ מֶען הָאט הֲנָאָה פוּן אַ פְּלַאץ - דֶעמָאלְט אִיז דַאךְ גוּט, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט הֲנָאָה, מֶען הַאלְט אַנְדֶערְשׁ - דַארְף מֶען זִיךְ זוּכְן אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ.

אִיךְ קֶען דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעהַאלְטְן יָארְן צוּרִיק. עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִשְׁפָּחוֹת מִיט טַעֲנוֹת צוּ מוֹהֲרַא״שׁ אוֹיף מִיר, מוֹהֲרַא״שׁ הָאט זֵיי גֶע׳עֵצָה׳ט זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעטוֹן. נָאכְדֶעם זֶענֶען גֶעוֶוען וָואס הָאבְּן גֶעהֶעצְט, דָאס הָאט זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט אוֹיסְגֶעלָאזְט.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ אִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ מֶען זָאל דָאס נִישְׁט טוּן. אִיךְ בַּאקוּם בְּרִיוו פוּן מִשְׁפָּחוֹת וָואס שְׁרַייבְּן אַז פוּן דִיר אִין שְׁטוּבּ רוּפְט מֶען אוּן מֶען רֶעדְט שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת קֶעגְן דִי חִינוּךְ בַּיי אוּנְז; שְׁוַואכֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן צֶעמִישְׁט אוּן דָאס מַאכְט נָאכְדֶעם נָאר חֻרְבּוֹנוֹת.

אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז מֶען שִׁיקְט דִי קִינְדֶער צוּ מִיר אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוֹיבּ מֶען שִׁיקְט נִישְׁט דִי קִינְדֶער צוּ מִיר, אוּנְזֶער חִינוּךְ אִיז אַנְדֶערְשׁ, נִישְׁט אַלֶע גְלַייכְן דָאס; מִיר רֶעדְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִיט דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה, מֶער וִוי מֶען רֶעדְט אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער. מִיר רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן תְּפִלָּה, אוֹיף גְרֵייטְן מִיר אָן דִי קִינְדֶער זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן מִיר רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים; מֶען קֶען נָאר זַיין אַ אִיד אוֹיבּ מֶען גְלֵייבְּט אוּן מֶען פָאלְגְט וָואס צַדִּיקִים זָאגְן. אוֹיךְ רֶעדְן מִיר וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז, נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן פְרֶענְדְס אוּן נִישְׁט זוּכְן אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט פַאר נַארִישֶׁע זַאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

...

(עצתו אמונה פרשת וישלח תשפ״ג, קונטרס 280)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידושינג 347-630-2876